ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"



A project of The Shluchim Office

## י"א תמוז תשס"ו

## פרשת חקת-בלק

טייערע קינדער שלוחים,

דער שבת איז א גרויסע יום טוב, דער יום טוב פון י"ב י"ג תמוז. ווי איר וועט לייענען איז י"ב תמוז די יום הולדת פון פריערדיקן רבי'ן און אויך זיין חג הגאולה. אויף א יום הולדת, טראכטן מיר וועגן די זאכן וואס דער מענטש האט אויפגעטאן און אין וואס ער האט זיך ארייגעלייגט. דער פריערדיקער רבי האט זיך מוסר נפש געווען פאר די חינוך פון קינדער. ער פלעגט שיקן זיינע חסידים אין די שווערסטע פלעצער צו פארשאפן א באהאלטענע חדר אדער ישיבה. אויף אלא טאג, דארפן מיר זיך שטארקן אין אונזער לערנען, און לערנען פון די ספרים פון דער פריערדיקער רבי. איין פון די ספרים וואס דער פריערדיקער רבי האט געשריבן איז "לקוטי דיבורים". "לקוטי דיבורים" איז א ספר פון פארברענגענס פון דער פריערדעקער רבי. דער פריערדיקער רבי האט געשריבן פיל חסידישע מעשות אין דעם ספר.

דעם שבת, לערן פון דעם ספר, אדער בעט פון דיין מאמע, טאטע, אדער עלטערע ברידער אדער שוועסטער צו לייענען צו דיר א מעשה וואס דער פריערדיקער רבי האט געשריבן. איר וועט זיכער הנאה האבן, און דורך לערנען זיינע ספרים, וועלן מיר מאכן אז י"ב תמוז זאל נאכאמאל זיין א חג הגאולה מיט די גאולה האמיתית והשלימה נאו ממש!

## משיח נאו!



אין דער היינטיקער סדרה פון בלק, לייענט מען וועגן די נבואות פון בלעם. בלעם איז געווען א גוי'שער נביא וועמען דער שלעכטער קעניג בלק האט געבעטן זאגן שלעכטע זאכן אויף די אידן. אנטקעגן זיין ווילן, האט בלעם גערעדט גוטס אויף אידן.

איינע פון די זאכן וואס בלעם האט געזאגט איז "דרך כוכב מיעקב" – א שטערן וועט ארויסקומען פון די אידן. די מפרשים פרעגן: וועגן וועמען רעדט זיך דאס? זיינען פאראן צווי ענטפערס. איין ענטפער איז, אז דאס רעדט זיך וועגן מלך המשיח, און איין ענטפער איז, אז דאס רעדט זיך וועגן יעדער אידן. דער רבי האט ערקלערט אז די צווי זאכן זיינען ניט א סתירה. דער פסוק רעדט וועגן אידן, *און* וועגן מלך המשיח: ווייל יעדער איד האט אין זיך א ניצוץ – א פונק - פון משיח.

דאס מיינט, קינדער, אז יעדער איד האט דעם כח צו האבן זיין אייגענע גאולה, דורך פירן זיך לויט זיין יצר טוב, און דורך דעם ברענגן די גאולה פאר אלע אידן - נאו ממש!

## לעבן מיט דער צייט



### פרשת חקת

### נחש הנחושת

אין היינטיקער פרשה ווערט דערציילט אז אין דעם לעצטן יאר ווען אידן זיינען געווען אין מדבר, איידער זיי זיינען אריינגעגאנגען אין ארץ ישראל, זיינען אידן באשטראפט געווארן פאר ניט קיין געוואונטשענע זאכן, און דער אויבערשטער האט געהייסן משה רבינו צו מאכן א "נחש" (וואס משה האט געמאכט פון קופער) און אנגעזאגט אידן אז דער וואס וועט זיך איינקוקן צו דעם " נחש הנחושת" - "וחי", וועט ער לעבן.

זיינען די חז"ל - אראפגעבראכט אין רש"י אויף דעם פסוק - מבאר: צי דען קען דער נחש טויטן אדער מאכן לעבן? נאר ווען אידן קוקן ארויף צום אויבערשטן און זיינען משעבד זייער הארץ צו זייער פאטער אין הימל, אט דאס האט זיי אויסגעהיילט.

דאס הייסט: ניט קוקנדיק אויף די ניט געוואונטשענע זאכן וואס אידן האבן געטאן , און טראץ דעם וואס זיי האבן זיך נאך געפונען אין מדבר און נאך ניט אריין אין ארץ ישראל, פונדעסטוועגן, בשעת אידן האבן ארויפגעקוקט צום אויבערשטן און געבעטן הילף פון אויבן, האט דאס גלייך געווירקט אז ביי אידן זאל זיין "וחי" - זיי האבן באקומען אמת'ן לעבן פון אויבערשטן , און זיינען געבליבן לעבן גאר אין פשטות.ביז זיי האבן זוכה געווען, אז אין א קורצע צייט ארום, נאך אין דעם זעלבן יאר, זיינען זיי אריינגעגאנגען אין ארץ הקודש, וואס זי איז געווארן א ירושה פאר יעדער אידן אויף אייביק.

דערפון האט מען א הוראה פאר יעדער אידן, אפילו פאר אידישע קינדער וואס קענען <u>*נאר*</u> לערנען און פארשטייען חומש מיט פירוש רש"י:

עס פאדערט זיך דאך פון א אידן, אז ניט קוקנדיק אויף דעם וואס מען געפינט זיך אין דער פינסטערניש פון גלות, און מיר האבן ניט די ליכטיקייט פון דעם בית המקדש און די ליכטיקייט פון משיח צדקנו, פונדעסטוועגן דארף מען דינען דעם אויבערשטן מיט שמחה, לעבעדיקייט און ליכטיקייט.

קען א אידיש קינד (און אמאל אפילו אן עלטערער) פרעגן: ווי קען מען דינען דעם אויבערשטן מיט שמחה און חיות ווען מ'איז נאך אין דער פינסטערניש פון גלות?

לערנט אונז די תורה אין היינטיקער סדרה, אז אפילו ווען מ'איז נאך אין מדבר, נאך איידער מען גייט אריין אין ארץ ישראל, בשעת אבער מען קוקט ארויף צום אויבערשטן קען זיין "וחי" - מען זאל באקומען פון אויבערשטן אמת'ן לעבן.

און די זעלבע זאך אין אונזער צייט, ווען מיר געפינען זיך נאך אין גלות,

*(המשך אין עמוד 2)*



# דעם חסידישן לוח

## יב–יג תמוז



### חג הגאולה פון דער פריערדיקער רבי

ט"ו סיון איז דער פריערדיקע רבי גענומען געווארן אין תפיסה צוליב דעם וואס ער האט פארשפרייט תורה און אידישקייט. אין אינהויב האבן זיי געזאגט דעם פריערדיקן רבי'ן אז מען וועט אים שיסן -ר"ל. דער פריערדיקע רבי האט זיך געשטארקט און האט געזאגט "ה' וועט העלפן!"

אלע חסידים האבן געדאוונט און געטאן וואס זיי האבן נאר געקענט צו העלפן דער רבי ארויסקומען פון תפיסה. די ארבעט פון די חסידם האט גע'פועל'ט, און די רוסישע פאליציי האבן געביטן די עונש פון שטארבן צו 10 יאר אין גלות. ב"ה, זיי האבן אפילו דאס דערנאך געביטן צו שיקן דער רבי אין קאסטרומא אויף 3 יאר.

ג' תמוז איז דער פריערדיקע רבי אריבערגעגאנגען פון די תפיסה "שפאלערקי" אין גלות. פאר דעם האט מען אים געלאזט אהיימגיין אויף 6 שעה. גלייך פאר ער איז ארויפגעגאנגען אויפן וואגאן צו פארן אין זיין גלות, האט ער געזאגט "נאר אונזערע גופים זיינען געשיקט געווארן אין תפיסה, ניט אונזערע נשמות. מיר דארפן ווייטער טאן אין פארשפרייטן אידישקייט, און דער אויבערשטער וועט אונז זיכער העלפן."

9 טעג שפעטער איז איינער געקומען צום רבי'ן און האט אים געזאגט "דו ביסט פטור פון דעם גלות און דו וועסט קענען אהיימגיין". י"ד תמוז איז דער פרעירדיקער רבי ארויסגעפארן פון קאסטראמא און איז ב"ה אהיימגעקומען צוריק צו חסידים ט"ו תמוז.

דעם טאג איז א גרויסע טאג פאר אלע חסידים. וועגן דעם טאג האט דער פריערדיקער רבי געזאגט "ניט נאר מיר האט דער אויבערשטער געראטעוועט אויף י"ב תמוז, נאר יעדער איד: ווייל יעצט קען מען ווייטער פארשפרייטן אידישקייט און חסידות."

*טייערע קינדער שלוחים: י"ב תמוז איז אייער יום טוב!! א יום טוב פאר חסידים ווי אייך, וואס לייגן אריין אלע אייערע כחות אין אייער שליחות. אין זכות פון אייער הייליקע ארבעט וועט דער אויבערשטער זיכער שיקן– נאך פאר י"ב תמוז– די גאולה האמיתית והשלימה פאר אלע אידן!!*



# פרקי אבות
# פרק חמישי

*(המשך לעבן מיט דער צייט)*

און מיר דאווענען, בעטן און מאנען "ווי וואנט משיח נאו", ווייל משיח איז נאך ניט געקומען - פונדעסטוועגן קען ביי אונז זיין "וחי", לעבן מיט אלע ענינים פון אידישקייט און תורה און מצוות, וואס זיי זיינען "**חיינו ואורך ימינו**". און די חיות דארף זיך אויסדרוקן אין טאג טעגלעכן לעבן, "**בפיך ובלבבך לעשותו**" - אין מחשבה דבור און מעשה, סיי בנוגע צו זיך און סיי צו ווירקן דאס זעלבע אויף אנדערע.

און בשעת יעדער איד ווייזט אויף אז די תורה וואס ער האט באקומען בירושה איז די טייערסטע זאך ביי אים, און תורה באלייכט זיין טאג טעגלעכן לעבן ביז אז זיין גאנצער לעבן פירט זיך לויט די אנווייזונגען פון תורה,

און ער ווירקט איין אויף די אלע ארום אים אז זייער אידישער לעבן זאל זיין בשלימות,דעמאלט קומט משיח צדקנו, און נעמט ארויס אלע אידן פון דעם "מדבר" פון גלות, און פירט זיי צו אונזער הייליק לאנד, "ארץ אשר גו' תמיד עיני ה' אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה" און די לאנד איז "גאנץ" ווייל זי פירט זיך אויף אין א אידישן אופן אינגאנצן, און מען גייט מיט משיח צדקנו צו דער גאולה האמיתית והשלימה.

*(פון דער רבי רעדט צו קינדער - שיחת א' דר"ח תמוז תשמ"א)*

# דערציילט מיר א מעשה



### דעם געבורט פון פריערדיקן רבי'ן

*רביצין שטערנא שרה דערציילט:*

אסאך יארן זיינען אדורכגעגאנגען פון די צייט וואס איך האב חתונה געהאט מיט דעם רבי'ן רש"ב, און מיר זיינען נאך ניט געבענטשט געווארן מיט א קינד.

איין יאר שמחת תורה, ביי א קידוש, ביים רבי'ן מהר"ש, האט איינער געזאגט א "מי שברך" פאר אלע מיידלאך און פרויען פון דעם רבי'נס משפחה. פון אלע נעמען האט מען מיר– רביצין שטערנא שרה – פארגעסן. איך בין געווארן זייער טרויעריק, און אפילו ווען שפעטער זיי האבן געזאגט מיין נאמען, בין איך אהיימגעגאנגען מיט א שטארקע ווייטאג.

איך האב געוויינט און געוויינט ביז איך בין איינגעשלאפן. אין מיין חלום האב איך געזען א הייליקער מענטש. ער האט מיר געפרעגט "פארוואס וויינסטו?" איך האב אים דערציילט אלס וואס איז געשען. ער האט מיר בארואיגט און האט געזאגט "זארג זיך ניט , דעם יאר וועסטו האבן א קינד. צו זוכה זיין צו דעם, זאלסטו גלייך נאך יום טוב געבן 18 רובל אויף צדקה פון דיין אייגענע געלט. דערנאך איז ער ארויסגעגאנגען, און צוריקגעקומען א פאר מינוט שפעטער מיט צוויי אנדערע הייליקע מענטשן, און ער האט זיי איבערגעזאגט אלס וואס ער האט מיר פריער געזאגט.

ווען איך בין אויפגעשטאנען האב איך אלס דערציילט פאר מיין מאן - דער רבי רש"ב. ער איז געגאנגען מיט מיר צו זיין טאטען – דער רבי מהר"ש, און האט אים דערציילט דעם גאנצן חלום. "דו ווייסט ווער זיינען געווען די מענטשן?" האט דער רבי געפרעגט, "דער ערשטער איד איז געווען דער היילקער צמח צדק און די אנדערע צוויי זיינען געווען דער מיטעלער רבי און דער אלטער רבי!" גלייך נאך יום טוב האב איך פארקויפט א קלייד וואס איך האב געהאט, צו קענען געבן צדקה פון מיינע אייגענע געלט, און איך האב געווארט אויף די קיום פון מיין ברכה."

רביצין שטערנא שרה האט ווייטער דערציילט: "יענע יאר, י"ב תמוז תר"מ, האב איך געהאט מיין איין און איינציגע זון - יוסף יצחק, שפעטער באוואוסט אלס דער פריערדיקער רבי!"

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

# TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת קרח-חקת

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים׳ס אפיס פאר מיטוואך,
און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)**

פארבינד די פראגע און דעם ענטפער

| | |
|---|---|
| ווען איז דער פריערדיקער רבי אנגעקומען אין אמעריקא? | יוסף יצחק |
| ווען איז דער פריערדיקער רבי געבארן געווארן? | קאסטראמא |
| וואו איז דער פריערדיקער רבי געבארן געווארן? | ט׳ אדר |
| ווער איז געווען זיין הייליקער טאטע? | רבי רש״ב |
| וואס איז זיין הייליקער נאמען? | אונזער רבי- נשיא דורנו |
| אין וועלכער תפיסה איז ער ארעסטירט געווארן? | ליובאוויטש |
| וואוהין איז ער פארשיקט געווארן אין גלות? | שפאלערנא |
| וואו האט דער פריערדיקער רבי געוואוינט נאכדעם וואס ער איז ארויסגעפארן פון רוסלאנד? | ריגא |
| מיט וועמען האט זיין צווייטע טאכטער חתונה געהאט? | י״ב תמוז |

## הצלחה רבה

נאמען:________________________________ ווי אלט:_____

אדרעס:________________________________________

________________________________________

אימייל:___________________________